## קאַפּיטל צוויי

1 און איך; ברידער, קומענדיק צו אײַך, בין נישט
געקומען מיט הויכער מליצה אָדער חכמה, אײַך
2 אָנצוזאָגן דאָס עדות פון ג־ט. וואָרום איך האָב
מיר פאָרגענומען גאָרנישט צו וויסן צווישן אײַך,
אַ חוץ ישוע המשיחן, און אים אַלס געקרייציקט.
3 און בין געווען בײַ אײַך אין שלאַפקייט און אין
4 פורכט און אין גרויס ציטערניש. און דאָס וואָרט
מײַנס און מײַן דרשענען זענען נישט געווען מיט
איבעררעדנדיקע ווערטער פון חכמה, נאָר מיט
5 דערווייזונג פון גייסט און גבורה, כדי אײַער אמונה
זאָל נישט זײַן אין מענטשלעכער חכמה, נאָר אין
דער גבורה פון ג־ט.
6 חכמה אָבער רעדן מיר צווישן די שלימותדיקע,
דאָך נישט די חכמה פון עולם־הזה, אויך נישט פון
די מושלים פון דער דאָזיקער וועלט, וועלכע ווערן
7 פאַרלוירן; נאָר מיר רעדן די חכמה פון ג־ט אין אַ
סוד, די פאַרבאָרגענע (חכמה), וועלכע ג־ט האָט
פון פאַרצײַטנס פאָרויסבאַשטימט פאַר אונזער כבוד
8 וועגן; וואָס קיינער פון די מושלים פון דער
דאָזיקער וועלט האָט זי נישט געקענט; ווײַל וואָלטן
זיי זי יאָ געקענט, וואָלטן זיי נישט געקרייציקט
9 דעם האַר פון כבוד; נאָר ווי עס שטייט געשריבן:

וואָס אויג האָט נישט געזען,
און אויער האָט נישט געהערט,
און עס איז נישט געקומען אויף אַ מענטשנס
האַרצן,
דאָס האָט ג־ט צוגעגרייט פאַר די, וועלכע האָבן
אים ליב. (ישעיהו סד, ג.)